29 קרבן פסח. פילאַטוס איז דעריבער אַרויסגעגאַנגען
צו זיי אינדרויסן, און געזאָגט: וואָס פאַר אַ באַשול־
דיקונג ברענגט איר קעגן דעם דאָזיקן מענטשן?
30 האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט צו אים: אויב
דער דאָזיקער וואָלט נישט געווען טון קיין בייז,
וואָלטן מיר אים נישט איבערגעגעבן צו דיר.
31 פילאַטוס האָט דעריבער צו זיי געזאָגט: נעמט איר
אים, און משפט אים לויט אייער תורה. האָבן די
יידן צו אים געזאָגט: מיר האָבן נישט קיין רשות
32 עמיצן צו טייטן; כדי עס זאָל דערפילט ווערן
ישועס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, מרמז
זייענדיק, מיט וועלכן טויט ער גייט שטאַרבן.
33 פילאַטוס איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין פּרעטאָר־
יום אַריין, און האָט גערופן ישוען, און געזאָגט
34 צו אים: צי ביסט דו דער מלך פון די יידן? האָט
ישוע געענטפערט: זאָגסטו דאָס דאָזיקע פון דיר
אַליין, אָדער האָבן אַנדערע עס דיר געזאָגט וועגן
35 מיר? פילאַטוס האָט געענטפערט: בין איך דען אַ
ייד? דאָס פאָלק דיינס און די הויפּט־כהנים האָבן
דאָך דיך איבערגעגעבן צו מיר; וואָס האָסטו געטון?
36 האָט ישוע געענטפערט: מיין מלכות איז נישט
פון דער דאָזיקער וועלט; אויב מיין מלכות וואָלט
יאָ געווען פון דער דאָזיקער וועלט, וואָלטן מיינע
משרתים געקעמפט, כדי איך זאָל נישט איבערגעגעבן
ווערן צו די יידן; איצט אָבער איז מיין מלכות
37 נישט פונדאַנען. פילאַטוס האָט דעריבער צו אים
געזאָגט: אויב אַזוי ביסטו טאַקע אַ מלך? האָט ישוע
געענטפערט: דו זאָגסט עס, אַז איך בין אַ מלך.
דערצו בין איך געבוירן געוואָרן און דערצו בין
איך געקומען אין דער וועלט אַריין, כדי איך זאָל
עדות זאָגן אויף דעם אמת. יעדער איינער, וואָס